**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 2.4 מיליאן דאלאר אריינצוברענגען מענטשן פון פארשידענע אפשטאמען אריינצוקומען אין די דאקטוירים ארבעטסקראפט**

***ניו יארק טאפלט אינוועסטירונג צו פארברייטערן פארשידנארטיגקייט פראגראמען וועלכע ווערן אנגעפירט דורך די פארבינדענע מעדיקעל סקולס פון ניו יארק און וואס דינען איבער 800 סטודענטן***

***איבער 20 פראצענט פון אלע סטודענטן פון מעדיצין אין ניו יארק זענען יעצט פון טונקל-הויטיגע, היספאנישע/לאַטינאָ, פאסיפיק אײלענד און נעיטיוו אמעריקאנער אפשטאם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די סטעיט האט געטאפלט איר אינוועסטירונג – צוזאגנדיג איבער 2.4 מיליאן דאלאר – אין פארשידנארטיגקייט (דייווערסיטי) פראגראמען וועלכע ווערן אנגעפירט דורך די פארבינדענע מעדיקעל סקולס פון ניו יארק ( Associated Medical Schools of New York, AMSNY) צו העלפן ברענגען מער סטודענטן – פון קאמיוניטיס וועלכע האבן היסטאריש געהאט ווייניגער סטודענטן – אריין אין די דאקטוירים ארבעטסקראפט. טיילווייז פינאנאצירט דורך די סטעיט העלט דעפארטמענט — זענען די פראגראמען אויסגעשטעלט צו מוטיגן סטודענטן מיט א הונטערגרונט פון וועלכע עס זענען היסטאריש געווען ווייניגער סטודענטן אין מעדיצין – אריינרעכענענדיג די וועלכע זענען פון טונקל-הויטיגע, היספאנישע/לאַטינאָ, פאסיפיק אײלענדער אדער נעיטיוו אמעריקאנער (רויטע אינדיאנער) אפשטאם – צו ווערן אנגענומען אין און ענדיגן מעדיקעל סקול אין ניו יארק.

"פאר צו לאנג האבן זיך מינאריטעט קאמיוניטיס אין ניו יארק געמוטשעט מיט אומגלייכקייטן אין זייער צוטריט צו העלטקעיר און האבן געליטן פון ערגערע געזונטהייט תוצאות, ביידע פון וועלכע זענען געקומען טיילווייז צוליבן האבן ווייניגער דאקטוירים אין די מעדיצינישע פעלד פון זייערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן טאפלען אונזערע אינוועסטירונגען אין פראגראמען וועלכע שטופען פאר פארשידנארטיגקייט אין מעדיצין, מאכן מיר זיכער אז אונזער סטעיט'ס העלטקעיר ארבעטסקראפט שפילגט בעסער אפ אונזער סטעיט'ס באפעלקערונג און העלפט פאררעכטן די היסטארישע אומרעכטן."

טראץ מער פון 30 פראצענט פון די סטעיט'ס באפעלקערונג איז טונקל-הויטיג אדער היספאניש, זענען נאר 12 פראצענט פון דאקטוירים פון די קאמיוניטיס. פארשונג האט געוויזן אז פאציענטן וועלכע זעהען דאקטוירים וואס האבן די זעלבע הונטערגרונט ווי זיי האבן בעסערע געזונטהייט תוצאות, און דאס מאכן דאס פארמערן די פארשידנארטיגקייט פון די סטעיט'ס דאקטוירים ארבעטסקראפט גאר וויכטיג כדי צו פארבעסערן די אלגעמיינע געזונטהייט פון ניו יארקער און צו אדרעסירן אומגלייכקייטן.

ניו יארק סטעיט שטעלט יעצט צו איבער 2.4 מיליאן דאלאר פאר פארשידנארטיגקייט אין מעדיצין פראגראמען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו עלימינירן די לעכער און די מעדיצינישע פעלד, טאפלנדיג די

פינאנצירונג וואס איז פארפליכטעט געווארן פארגאנגענע יאר. די פינאנצירונג איז ערווארטעט צו דינען איבער 800 סטודענטן דורך נייע און עקזיסטירנדע פארשידנארטיגקייט אונטערנעמונגען, אריינרעכענענדיג Bridges to Medicine (בריקן צו מעדיצין), AMSNY'ס סוקסעספולע פראגראם פאר סטודענטן וועלכע האלטן נאך זייער בעטשעלאר דעגרי ביי SUNY Downstate Health Sciences University.

ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. מערי ט. באסעט, האט איבערגעשמועסט די וויכטיגקייט פון די צוגעזאגטע געלטער היינט ביי א געשעעניש אין SUNY Downstate, און איבער וויאזוי די פראגראמען העלפן בויען פארשידנארטיגקייט אין מעדיקעל סקולס איבערן סטעיט. צום ערשטן מאל זענען יעצט בערך 20 פראצענט פון אלע סטודענטן פאר מעדיצין אין ניו יארק פון באפעלקערונגען פון וועלכע עס זענען היסטאריש געווען וויניגער סטודענטן, אריינרעכענענדיג טונקל-הויטיגע, היספאנישע/לאַטינאָו, פאסיפיק איילענדער און נעיטיוו אמעריקאנער אפשטאמען.

**העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. מערי ט. באסעט, האט געזאגט,** "עס זענען נישטא קיין סאך זאכן וואס זענען וויכטיגער פאר אונזערע ציהלן צו פארבעסערן געזונטהייט גלייכקייט ווי די ארבעט צו זיכער מאכן אז די מעדיצינישע פעלד איז אזוי פארשידנארטיג ווי די ניו יארקער וועם זיי דינען. האבן א פארטרויליכע שטימע און איינעם וואס פארשטייט די אייגנארטיגע אספעקטן פון אייער לעבן ערפארונג קען טוישן א מענטשן'ס פארשטאנד פון זייער אייגענע געזונטהייט. די פינאנצירונג מאכט אן אינוועסטירונג אין מענטשן וועלכע מאכן דאס א רעאליטעט, און עס וועט העלפן פאר פיעלע יארן אין די צוקונפט צו פארמערן פארשידנארטיגקייט, יושר און אריינגעמונג צו עררייכן בעסערע געזונטהייט תוצאות פאר די וועלכע האבן היסטאריש באקומען וויניגער סערוויסעס."

די Bridges to Medicine, וואס איז אנגעהויבן געווארן אין 2017, איז א גאנץ-יאריגע שטודיע פראגראם פאר סטודענטן וועלכע האלטן נאך זייער בעטשעלאר דעגרי, אויסגעשטעלט צו פארמערן די צאל סטודענטן פון קאמיוניטיס וועלכע האבן היסטאריש געהאט וויניגער סטודענטן און פון געזעלשאפטליך-עקאנאמיש שוואכערע הונטערגרונט וועלכע ווילן ווערן אנגענומען אין מעדיקעל סקול. האבנדיג באקומען אקרעדיטעישען אלץ א מעסטערס (Master of Science in Physiology) פראגראם אין 2020, באטייליגן זיך סטודענטן אין צוזאמגעשטעלטע קלאסן אלץ ערשט-יאריגע סטודענטן פאר מעדיצין.

ארויס פון די 57 סטודענטן פאר מעדיצין וועלכע האבן זיך איינגעשריבן אין Bridges to Medicine צווישן 2017 און 2021, זענען 88 פראצענט אנגענומען געווארן אין מעדיקעל סקולס. אין צוגאב, האבן זעקס סטודענטן פון דעם פראגראם'ס ערשטע גרופע באקומען זייערע רעזידענסיס אין SUNY Downstate.

אין צוגאב צו Bridges to Medicine, שטיצט די סטעיט'ס אינוועסטירונג נייע און קלוגע אונטערנעמונגען צו פארזיכערן אז סטודענטן פון אזעלכע קאמיוניטיס זענען צוגעגרייט פאר מעדיקעל סקול. די פינאנצירונג שטיצט א פראגראם וואס מוטיגט טונקל-הויטיגע מענער ספארטסלער וועלכע זענען אינטערעסירט אריינצוגיין אין די מעדיצינישע פעלד; MCAT צוגרייטונג פראגראמען; געלעגנהייטן פאר פארשונג און צו באגלייטן א דאקטאר; אן אינטערנעט-באזירטע פראגראם צו צוזאמשטעלן סטודענטן מיט איינגעשטעלטע אלץ מענטארס; און אזוי אויך קאמיוניטי הילפס-מיטלען צו העלפן סטודענטן מיט האוזינג, עסן און אנדערע לעבנס סקילס ווי פינאנציעלע באקאנטשאפט.

די געהעכערטע פינאנצירונג שטיצט אויך מער סטודענטן אין AMSNY'ס עקזיסטירנדע פראגראמען:

- פראגראמען [נאכן בעטשעלאר דעגרי] ביי [Jacobs School of Medicine and Biomedical Sciences, באפעלאו אוניווערסיטעט, SUNY]; ניו יארק מעדיקעל קאלעדזש; Renaissance

אין School of Medicine אין סטאָוני ברוּק אוניווערסיטעט; Norton College of Medicine אין אפּסטעיט מעדיקעל אוניווערסיטעט;

- Pathways to Careers in Medicine and Research (וועגן צו קאַריערס אין מעדיצין און פאָרשונג) פּראָגראַם ביי סיטי קאָלעדזש אָוו ניו יאָרק.
- Learning Resource Center (לערנען הילפס-מיטעלן צענטער) ביי CUNY מעדיקעל סקול.

די פאַרבינדענע מעדיקעל סקולס פון ניו יאָרק (AMSNY) איז א פאַרבאַנד צווישן 17 פּובליק און פּריוואַטע מעדיקעל סקולס אין ניו יאָרק סטעיט, און עס איז אַרויסגעקומען מיט איר ערשטע פאַרשידנאַרטיגקייט פּראָגראַמען אין 1985 און האָט זייט דעמאָלטס צוגעשטעלט אַן אויפהער געלעגנהייטן פאַר סטודענטן פון קאַמיוניטיס פון וואו עס זענען דאָ ווייניגער סטודענטן זיך צו צוגרייטן פאַר – און אַריינגיין אין – מעדיקעל סקול. די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט האָט צוגעשטעלט פינאַנצירונג פאַר די פּראָגראַמען זינט 2002 אין א באַמיאונג צו העלפן פאַרברייטערן די אָפּשטאַמען פון מענטשן וועלכע קומען אַריין אין די מעדיצינישע פעלד אין ניו יאָרק.

**פאַרבינדענע מעדיקעל סקולס פון ניו יאָרק פּרעזידענט און CEO, דזשאָו ווידערהאָרן, האָט געזאָגט,** "די סטעיט העלט דעפּאַרטמענט'ס צוגעזאָגטע געלטער זענען א היסטאָרישע אינוועסטירונג אין די דאָקטוירים אַרבעטסקראַפט אין ניו יאָרק סטעיט און עס וועט פאַרמערן די פאַרשידנאַרטיגקייט אין די העלטקעיר אַרבעטסקראַפט. אונזערע פּראָגראַמען האָבן געברענגט רעזולטאַטן פאַר איבער 35 יאָר, און יעצט וועלן מיר קענען באמת פאַרגרעסערן די פאַרנעם. איבער 94 פּראָצענט פון סטודענטן אין AMSNY'ס פיר פּראָגראַמען פאַר סטודענטן וועלכע האַלטן נאָך די בעטשעלאָר דעגרי גייען דערנאָך צו מעדיקעל סקול, און בערך האַלב ספּעציאַליזירן זיך אין פאַמיליע דאָקטעריי — אָפט אין געגנטער וואו האָבן ווייניגער דאָקטוירים."

**סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יאָרק Downstate פּרעזידענט, דר. וויין דזש. ריילי, האָט געזאָגט,** "מיר זענען ערמוטיגט זעהענדיג די השפעה וואס דער Bridges to Medicine פּראָגראַם האָט געהאַט אויף די מעגליכקייטן פון אונזערע סטודענטן צו מצליח זיין מיט זייער אַריבערגאַנג אין די ערשטע יאָר פון מעדיקעל סקול. אין א קאַמיוניטי וואו די פאַרשידנאַרטיגקייט איז אַזוי גרויס — זענען מיר שטאָלץ אַז אין צוגאַב צום צושטעלן העלטקעיר פון א הויכע קוואַליטעט, אַנערקענען אונזערע פּאַציענטן און זיי זענען דאַנקבאַר פאַר די אָפּגעשפּיגלטע פאַרשידנאַרטיגע און אייגנאַרטיגע הינטערגרונטן. אונזער Bridges to Medicine מעסטער'ס פּראָגראַם איז א בענעפיט פאַר די סטודענטן און אפילו א גרעסערע בענעפיט פאַר די קאַמיוניטי."

**סטעיט סענאַטאָר דזשאַמאַל ט. בעילי האָט געזאָגט,** "פאַרשידנאַרטיגקייט און אָפּשפּיגלונג פון די באַפעלקערונג אין מעדיצין איז קריטיש צו אַדרעסירן אַנגייענדע געזונטהייט אומגלייכקייטן צווישן ראַסעס. עס איז קריטיש אַז אונזער סטעיט זאָל פאָרזעצן צו אינוועסטירן אין פּראָגראַמען ווי Bridges to Medicine וועלכע וועלן נישט נאָר גיבן געלעגנהייטן פאַר מינאָריטעט סטודענטן פון מעדיצין, נאָר אויך פאַרבעסערן די געזונטהייט פון אונזערע קאַמיוניטיס דורך מער צוטריט צו קעיר פון א הויכע קוואַליטעט און וואס איז קולטוריש צוגעפּאַסט. עס קומט זיך פאַר אונזערע קאַמיוניטיס צו האָבן דאָקטוירים אויף וועם זיי קענען זיך פאַרלאָזן אַז זיי פאַרשטייען זייערע געברויכן. איך אַפּלאָדיר גאַווערנער קעטי האָקול, קאָמישאַנער מערי באַסעט און די ניו יאָרק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט פאַר זייער אַרבעט צו פאַרמערן די פאַרשידנאַרטיגקייט אין די מעדיצינישע פעלד, שאַפן נייע וועגן צו קענען אַנקומען צו קאַריערעס אין מעדיצין פאַר מינאָריטעט קאַמיוניטיס און צו אינספּירירן די קומענדיגע דור פון העלטקעיר פירער."

**אַסעמבלי מיטגליד ברייען קאָנינגהעם האָט געזאָגט,** "איך וויל אויסדרוקן מיין דאַנקבאַרקייט פאַר די ניו יאָרק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט און פאַר AMSNY פאַר זייער פירערשאַפט מיט א ווייטע בליק און

פארן שטיצן פראגראמען וועלכע פארמערן פארשידנארטיגקייט אין מעדיצין. מיר זענען מזל"דיג צו האבן אזויפיל טאלאנטירטע סטודענטן פון מעדיצין און דאקטוירים דא אינדערהיים, אין די 43'סטע דיסטריקט, אין SUNY Downstate. דורך די פינאנצירונג טוהען מיר נישט נאר פארבעסערן די מעדיצינישע סערוויסעס וועלכע זענען דא צו באקומען אין געגנטער ווי ברוקלין וועלכע באקומען נישט גענוג סערוויסעס, נאר מיר שטעלן אויך צו אומפארגלייכבארע געלעגנהייטן פאר BIPOC (מינאריטעט) סטודענטן. די פראגראמען ערמעגליכן א פארשידנארטיגע גרופע פון סטודענטן פון מעדיצין צו אויסנוצן געלעגנהייטן צו וועלכע זיי וואלטן אנדערש מעגליך נישט געהאט קיין צוטריט, און דערפאר, אין מיין נאמען און אין די נאמען פון די בירגער פון מיין דיסטריקט: א דאנק אייך."

**אסעמבלי מיטגלידערין פאמעלא דזש. האָנטער האט געזאגט,** "איך בין גאר שטאלץ צו האבן געווען די הויפט שתדלנות'טע אין די אסעמבלי פאר די פינאנצירונג פון די פארשידנארטיגקייט אין מעדיצין פראגראם פאר מערערע סטעיט בודזשעטס. פארמערן די פארשידנארטיגקייט צווישן אונזערע דאקטוירים און נוירסעס פירט צו בעסערע געזונטהייט תוצאות אזוי ווי מיר ערמעגליכן נייע דאקטורים, וועלכע זענען דירעקט אינוועסטירט אין זייערע אייגענע קאמיוניטיס, אריין אין די מעדיצינישע פעלד. איך קוק ארויס צו זעהן די פארברייטערונג פון די פראגראמען און די פילע בענעפיטן וואס זיי וועלן ברענגען פאר אונזערע סטודענטן פאר מעדיצין, און ווי אויך פאר זייערע צוקונפטיגע פאציענטן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418